**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/26/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 13 מיליאן דאלערדיגע גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקט אין ברוקלין און קווינס

***פראיעקט פארשטערקערט ווידערשטאנד-פעאיגקייט, פארבעסערט הארבאר וואסער קוואליטעט און רעדוצירט פארפעסטונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגן א 13 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט אויף צו אינסטאלירן גרינע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען ביי מערערע לאקאציעס נעבן דזשעמעיקע בעי. דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג פראיעקט נעמט אריין רעגן גארטנס, רעגן פעסער, און א שאטן סטרוקטור אויף צו לינדערן פלייצונג, פארשטערקערן גאס זיכערהייט, און רעדוצירן פארפעסטונג לענגאויס [סאַוט ברוקלין און סאַוט קווינס קאמיוניטיס](). די 123 געבויטע אייגנטומען פארוואלטן איבער 30 מיליאן גאלאנען שטורעם-וואסער יערליך.

״מיר בלייבן לעיסער-פאקוסירט אויף צו פינאנצירן פראיעקטן וועלכע שטיצן אונזער לאנד-וועגווייזיגע קלימאט צילן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דער 13 מיליאן דאלערדיגע גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקט אין דזשעמעיקע בעי וועט רעדוצירן פארפעסטונג, לינדערן פלייצונג און שטערקער מאכן ווידערשטאנד-פעאיגקייט בשעת׳ן אויסשטיין שטערקערע שטורעמעס. ניו יארק וועט ווייטער איינפירן פאראויס-קלערנדע פאָליסיס און מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו באקעמפן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג.״

**גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעיטי ברענען האט געזאגט,** ״גרינע אינפראסטרוקטור העלפט ניו יארקער סיי לינדערן קלימאט ענדערונג און סיי זיך צופאסן צו אירע ווירקונגען. מיר שטאלצירן זיך אז דער אינאווירנדער פראיעקט מאכט היסטאריש-אונטערפארטרעטענע קאמיוניטיס אין ברוקלין און קווינס מער ווידערשטאנד-פעאיג און קענען בעסער אויסשטיין צוקונפטיגע שטורעמעס.״

די סארטן גרינע אינפראסטרוקטור אריינגערעכנט אין דעם פראיעקט וועלן שטערקער מאכן קאמיוניטי ווידערשטאנד-פעאיגקייט דורך רעדוצירן פלייצונג און שטערקער מאכן גאסן זיכערהייט אויף ראודס וועלכע ווערן אפט אנגעפלייצט און סערווירן דאך אלס קריטישע עוואקואציע וועגן. וויכטיג צום באטאנען אז די מאסנאמען פארבעסערן אויך הארבאר וואסער קוואליטעט, רעדוצירן פארפעסטונג דורך איינזאפן גרינהויז גאזן, און פארשענערן דער ארטיגער גאס-אויסזע.

רעגן גארטנס, וועלכע באשטייען פון אנפילן א שטח מיט ערד און אינסטאלירן פלאנצונגען, קענען געבויט ווערן אין דעם גאס קאנטשטיין ליניע אויף אפצווענדן שטורעם-וואסער פליסונג בעפאר עס קען גרייכן דעם מוניציפאלן סוער סיסטעם. רעגנוואסער ווערט פארכאפט, שפייזט די פלאנצונגען ווי למשל גראז, קוסטנס אדער ביימער און דרינגען אריין אין די ערד. זיי קענען אויך אינסטאלירט ווערן אין הויפן אויף צו

כאפן שטורעם-וואסער ווי איידער פארשיטן מוניציפאלע סוער אינפראסטרוקטור. שאטן סטרוקטורן גיבן שאפערישע לייזונגס-מיטלען פאר רעגנוואסער פארזאמלונג דורך כאפן וואסער אויפ׳ן דאך און עס מאכן אפלויפן צו א דערנעבנדע רעגן פאס אויף צו פארהאלטן. זיי טוען נישט נאר רעדוצירן די עול אויפ׳ן מוניציפאלער אפלויף סיסטעם, נאר פראדוצירן אויך א באנייבארע קוואל פון וואסער פאר׳ן באניץ אין גארטנס.

די גרינע אינפראסטרוקטור מאסנאמען זענען איינגעפירט געווארן ביי:

- [P.S. 993Q & M.S. 72Q אין ראכדעיל, קווינס] - דער פריער-עקזיסטירנדער געפלאסטערטע לאַט איז איבערגעמאכט געווארן אויף א גרויסע מולטי-באניציגע קאמיוניטי ארט מיט דריי רעגן גארטנס, בילדונגס ערטער און ווידערשטאנד-פעאיגע פלאנצונגען, ווי אויך א שאטן סטרוקטור. די גארטנס, וועלכע ווערן אויפגעפאסט דורך סטודענטן, ווערן גענוצט אלס בפועל׳דיגע בילדונגס מיטלען אויף זיך אויסצולערנען איבער ערנערונג, ביאלאגיע, אגריקולטור און וואסער שפארזאמקייט.

- פאַר ראַקעווי, קווינס — ניין רעגן גארטנס זענען אינסטאלירט געווארן אין דעם גאס קאנטשטיין ליניע אין דעם געגנט צווישן ביעטש 108׳סטע ביז 94׳סטע סטריטס, פון ראַקעווי ביעטש בולעוואַרד ביז שאָר פראנט פארקווי. דער פראיעקט שטח נעמט אריין ׳סורפסייד אפארטמענטס׳ און ׳בעל שאָר קאנדאמיניומס׳.
- גרעיוועסענד / בענסאנהורסט — 39 רעגן גארטנס זענען אינסטאלירט געווארן אין דעם גאס קאנטשטיין ליניע צווישן וועסט 7׳טע סטריט ביז אושען פארקווי, פון עוועניו P ביז עוועניו R און היילענד עוועניו.
- מידוואוד/פלעטלענדס (סאָוט-איסט ברוקלין) — זיבן רעגן גארטנס זענען אינסטאלירט געווארן אין דער גאס צום ליניע אין דעם געגנט צווישן נאסטרענד עוועניו ביז פלעטבוש עוועניו, פון א וועגל וואס באהעפט קינגס הייוועי, עוועניו N און פלעטלענדס עוועניו סאָוט ביז עוועניו P.
- קאנארסי — 12 רעגן גארטנס זענען אינסטאלירט געווארן אין דעם גאס צום ליניע אין דעם געגנט צווישן 88׳סטע סטריט ביז ראַקעווי פארקווי, פון עוועניו J ביז עוועניו K.

- איידעלווילד — 53 רעגן גארטנס זענען אינסטאלירט געווארן אין דעם גאס צום ליניע אין דעם געגנט צווישן 135׳סטע עוועניו ביז 142׳סטע עוועניו און 248׳סטע סטריט, פון ברוקוויל בולעוואַרד ביז הוק קריעק בולעוואַרד.

אין לויף פון האריקעין ׳איירין׳ און סופערסטאָרם ׳סענדי׳ האבן די קאמיוניטיס מיטגעמאכט שווערע רעגנגאס און שטורעם פליצונג וועלכע האבן פאראורזאכט באדייטנדע פליצונגען אויף די גאסן. זינט דאן האט FEMA באדייטנד פארברייטערט פלייצונג אויסקיצירונג אינערהאלב די געגנטער. וואסער דינט אלס א נאטורליכע גרעניץ פאר די קאמיוניטיס, צי עס איז דזשעמעיקע בעי, פרעש קריעק אדער דעם אטלאנטישן ים. די קאנצענטראציע פון די סארטן געביידעס וועלכע געפונען זיך אין די קאמיוניטיס שטעלט פאר פילצאליגע שוועריגקייטן אויף צוזופאסן פאר ווידערשטאנד-פעאיגקייט און דערפאר איז גרינע אינפראסטרוקטור א העכסט-נויטיגע הילפס-מיטל.

דדער פראיעקט איז אויסגעפירט געווארן אין שותפות מיט דער דארמיטארי אויטאריטעט פון דעם סטעיט ניו יארק און דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענווירא‌ָנמענט אפהיט. קאמיוניטי פירער האבן זיך פארזאמלט ביי P.S 993Q און M.S. 72Q לכבוד דאס פארענדיגן דעם פראיעקט.

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענוויראָנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער ראהיט טי. אגארוואלא האט געזאגט,** ״בשעת מיר זעצן פאר ווייטער די היסטארישע 2.5 ביליאן דאלערדיגע ארויסבוי פון דעם

סאוט-איסט קווינס שטורעם סוער נעטוואָרק, קען דאס צולייגן גרינע אינפראסטרוקטור אונז העלפן פארוואלטן שטורעם-וואסער, לינדערן פלייצונג און פארבעסערן פובליק זיכערהייט. איך דאנק אונזער צוזאמארבעטער אין דער גאווערנער׳ס אפיס און דארמיטארי אויטאריטעט און מיר קוקן ארויס צוצולייגן די רעגן גארטנס צום שטאט׳ס גרינע אינפראסטרוקטור פארטפעל.״

**קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס האט געזאגט,** ״ניו יארק סיטי מאכט מיט ווייטער שווערע וועטער פאסירונגען, וועלכע שטויסן זיך אן מיט קראפט אין אזעלכע געגנטער ווי ראכדעיל און די ראקעוועיס. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר דאס פארענדיגן דעם גרונטליכן גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקט, וועלכס וועט העלפן די ערטער אויף ווידערשטאנד קעגן צוקונפטיגע שטורעמעס און עמערדזשענסי באטרעפונגען. איך ארבעט ווייטער מיט מיינע קאלעגעס אויף דער פעדעראלער שטאפל צו פארזיכערן אז די פינאנצירונג פון פרעזידענטביידען׳ס בייפארטיזען אינפראסטרוקטור ביל גייט צו ערטער ווי ראכדעיל און די ראקעוועיס אויף פארצוזעצן ווידערשטאנד-פעאיגקייט באמיאונגען.״

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוועון ריטשערדס דזשוניאר האט געזאגט,** ״סאָוט קווינס און די ראַקעוועי האלב-אינזל קענען צו גוט די שרעקליכע תוצאות וועלכע קלימאט ענדערונג און עקסטרעמע וועטער קענען האבן אויף אונזערע קאמיוניטיס. אזוי ווי שטורעמעס ווי ׳סענדי׳, ׳איירין׳ און ׳איידע׳ טוען ווייטער דראען אונזער בארא יעדעס יאר, איז קיינמאל נישט וויכטיגער געווען צו מאכן די סארט אינוועסטירונג וואס אונזערע שכנים דארפן האבן אויף צו פארמיידן שעדליכע פלייצונגען און די געפארן וואס פארפעסטונגען טוען פארשטעלן פאר אונזערע פאמיליעס. איך לויב דעם גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג פאר פירן מיליאנען דאלארען אין גרינע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען צו סאָוט קווינס, און גלייכצייטיג שטעלן אין צענטער ווידערשטאנד-פעאיגקייט און שטאנדהאפטיגקייט פאר די סטודענטן וועלכע וועלן איין טאג ירש׳ענען דער בארא.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער עדריענע אדאמס האט געזאגט,** ״צופיל קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סיטי, אריינגערעכנט די וועלכע איך פארטרעט, שטייען אויס שוין פון לאנג אן אונטעראינוועסטירונג פאר גרינע אינפראסטרוקטור. דאס אינסטאלירן נייע בייאסוועילס, רעגן גארטנס און אנדערע סטרוקטורן וועט נישט נאר לינדערן פלייצונג און פארבעסערן וואסער קוואליטעט, נאר אויךביישטייערן צו דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג. די קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען זענען שוין פון לאנג נויטיג, און איך בין באגייסטערט אז דער גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג האט פארענדיגט דעם 13 מיליאן דאלערדיגן פראיעקט וואס וועט זיין א טובה פאר אונזערע קאמיוניטיס. איך דאנק גאווערנער האוקול און אלע מיינע קאלעגעס, די ערוויילטע באאמטע און קאמיוניטי פירער, פאר זייער צוזאמארבעט אויף אפירצוברענגען ווידערשטאנד-פעאיגקייט אינוועסטירונג אין קווינס און ברוקלין.״

**איבער GOSR**

GOSR, אוועקגעשטעלט אין יוני 2013, קאארדינירט גאנץ-סטעיט׳יגע ערהוילונג אונטערנעמונגען פאר סופערסטארם ׳סענדי׳, האריקעין ׳איירין׳, און טראפישע שטורעם ׳לי׳. דורך איר ׳NY רייזינג׳ האוזינג ערהוילונג, קלענערע ביזנעס, קאמיוניטי איבערבויען, אינפראסטרוקטור, און איבערבויען דורך פלאנירונג פראגראמען, טוהט GOSR אינוועסטירן 4.5 ביליאן דאלער אין פעדעראלע קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאק גרענט-דיזעסטער ערהוילונג פאָנדינג צו בעסער צוגרייטן ניו יארק פאר עקסטרעמע וועטער פאסירונגען. מער אינפארמאציע איבער GOSR און אירע פראגראמען קען מען געפונען ביי [http://stormrecovery.ny.gov/](http://stormrecovery.ny.gov/).

דורך דער ׳NY רייזינג׳ קאמיוניטי איבערבוי (NYRCR) און אינפראסטרוקטור פראגראמען נעמט אן דער סטעיט פארשידענע סארטן איניציאטיוון אנטוויקלט אין לויף פון איר פון-אונטן-ארויף קאמיוניטי פלאנירונג פראצעס צו פארבעסערן באפעסטיגונג, באשיצן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור, לינדערן די ריזיקעס פון פארלוסט און שאדן פארבינדן מיט צוקונפטיגע דיזעסטערס און רעדוצירן שוואכקייטן.

איצט אין דאס איינפירן שטאפל ארבעט GOSR מיט פארשידענע מוניציפאלע, קאונטי, און נאָנפראָפיט צוזאמענארבעטער צו ברענגען הונדערטער ארטיגע צוזאמענגעשטעלטע פארשלאגן צו דער ווירקליכקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418